אַ זעלטן וואַרימע היים

**איינדרוקן פון אַ באַזוך אין אַ רעזידענץ היים פון דעם העסק צענטער**

בערך אַ חודש צוריק האָב איך – דער שרייבער פון די שורות - באַזוכט אין די דירה וואָס איז די נייעסטע פון די צענדליגער רעזידענץ היימען פונעם העסק צענטער. אַריינקומענדיג אין די דירה האָבן מיר געשטוינט פון די שיינקייט, באַ'טעמ'טקייט, זויבערקייט, ציכטיקייט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון יעדן ווינקל פון די דירה.

דער באַזוך איז געווען אָן קיין פאָראויס באַשטימטע אַפּוינטמענט. שמועסנדיג מיטן עקזעקוטיוו דירעקטאָר פונעם העסק צענטער האָבן מיר באַקומען אַן אָפענע איינלאַדענונג פונעם פירער פונעם העסק צענטער צו קומען באַזוכן די דירה, און מיר האָבן אים געכאַפּט אויפן וואָרט: אָן קיין פריערדיגע מעלדונג, האָט דער שרייבער פון די שורות אין אַ מאָנטאָג נאָכמיטאָג אַריינגעקלאַפּט צו די דירה אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס.

ענטפאַנגען ביים טיר האָט אונז איינער פון די איינוואוינער וועלכע איז צוליב אַ סיבה דעמאָלט געווען אין די היים – אין די צייט וואָס די אַנדערע זיבן זענען געווען ביי זייערע טעגליכע טאָג פראָגראַמען, מיט וואָס זיי זענען באַשעפטיגט און נוצן אויס די טעג מיט באַלערנדע אַקטיוויטעטן, וואָס בויעט אויף זייערע כוחות און מאַכט זיי זעלבסטשטענדיג.

מיר האָבן געבעטן פאַרן מענעדזשער פון די דירה. דער איינוואוינער וועלכער האָט אונז פריינטליך אַריינגענומען אין שטוב האָט אונז מיט אַ שמייכל צוגעפירט צום שטיבל פונעם מענעדזשער, וועלכער האָט אונז וואַרים ענטפאַנגען. מיר האָבן ערוואַרטעט אַז יענער זאָל ווערן דערשראָקן און איבערראַשט פון די פּלוצימדיגע אומערוואַרטע געסט, אָבער עס האָט זיך שנעל אַרויסגעשיילט אַז דאָס פאַר אים נישט קיין נייעס. דער מענעדזשער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַרדרוס אַז מיר זענען אָנגעקומען אומגעראָכטן. "אדרבה, מיר וואַרטן אויף אַזעלכע

באַזוכן," האָט אונז געזאָגט דער העסק פירער. עלטערן און אַנדערע פּאַלן דאָרט אָפּט אַריין אָן זיך פריער איינמעלדן.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ הערליך, רחבות'דיגע אויסגעשטאַטע דירה, און אַ זעלטן געשמאַקע אַטמאָספערע. אַ דיינינג רום מיט באַקוועמע קאָוטשעס, און פּיקטשור פרעימס וועלכע האָבן צוגעגעבן צו די אַנגענעמליכקייט, רואיגקייט אין די וואוינונג; אַ הערליך איינגערישטע קיך, מיט די טייערסטע קאַונטער טאַפּס און קאַבינעטס; באַקוועמע שלאָף צימערן מיט שיינע מעבל; אַ גרויסע לאָנדרי רום; ספּעציעלע שאַפעס פאַר די פאַרשידענע צוגעהערן און סופּלייס, א.א.ז.וו.

אַזוי ווי די דירה וואָס מיר האָבן באַזוכט איז נאָך געווען ניי, איז נאָכנישט פערטיג געווען דער בעקיאַרד וואו עס איז געווען געפּלאַנט צו מאַכן אַ שיינע שפּיל-אָרט, און איינצופלאַנצן שיינע ביימער צום פאַרגעניגען פון די איינוואוינער. ווי מיר הערן איז דאָס שוין אויך פאַרטיג געוואָרן. מיר שטעלן זיי אויף די חזקה אַז אויך דאָס איז אַהערגעשטעלט געוואָרן אויפן שענסטן פּרעכטיגסטן פאַרנעם, אָבער מיר טראַכטן זיך נאָך פון זיך צוריקקערן אַהין צו זען די דירה בשלימות.

באַוואונדערנדיג די ציכטיקייט אין די דירה, האָט אונז דער מענדזשער מיטגעטיילט אַז די איינוואוינער אַליין לייגן צו אַ האַנט אויפצורייניגן און צו האַלטן זויבער זייער היים, אויסער וואָס די היים באַשעפטיגט אויך דזשעניטאָרס וועלכע זענען געשטעלט אויף די זויבערקייט פון די דירה. דאָס איז מיטן ציל אַז די איינוואוינער זאָלן זיך לערנען אויסצופירן אויפגאַבעס און פאַראַנטוואָרטליכקייטן, און צו זיין דאָס מערסטע זעלבסטשטענדיג וואָס נאָר מעגליך.

אין קיך האָט זיך ווידער אָפּגעשפּיגעלט די זעלבסט שטענדיקייט פון די איינוואוינער. אויסער די געשמאַקע טעפּ וועלכע זענען געשטאַנען אויפן גאַז, מיט אַ קעכער וועלכער קומט אַראָפּ יעדן מיטאָג צו צושטעלן פול-קאָרס נאַכטמאָלן צום געשמאַק פון די איינוואוינער, איז די פרידזשידער פול מיט מאכלים און געטראַנקן. אַזוי ווי אינדערהיים, נעמען די איינוואוינער אַליין וואָס עס גליסט זיי. זיי האָבן אויך אַ מייקראָוועיוו וואָס זיי נוצן ווען עס פאַרשמעקט זיי נאָך עפּעס וואָס איז נישט קיין טייל פון די טעגליכע מעניו, אָדער ווען זיי ווערן אַפּעטיטליך צו נאָך אַ צובייס.

אַריינקומענדיג אין לאָנדרי רום, וואו עס שטייען עטליכע וואַש מאַשינען און דרייערס, האָט אונז דער מענעדזשער דערציילט אַז אַ טייל פון די איינוואוינער וואַשן זיך אַליין די וועש. ער האָט אונז געעפנט אַ קלאַזעט וואו עס ליגן אַלע ערליי דעטערדזשענס, פון וואו די איינוואוינער נעמען צו וואַשן די וועש.

די סיבה פאַרוואָס זיי וואַשן אַליין זייערע קליידונגען איז געוויס נישט ווייל עס פעלט הילף אין די דירה - וואו די צאָל איינגעשטעלטע וועלכע זענען דאָרט באַשעפטיגט אַרויסצוהעלפן מיטן אָנפירן די דירה און אַלע צוגעהערן זענען אומגעפער דריי מאָל וויפיל מענטשן עס וואוינען דאָרט. דער ציל פון לאָזן די איינוואוינער וואַשן אַליין די וועש דינט איין צוועק: זיי זאָלן זיין זעלבסטשטענדיג און אַליין זיך אָפּגעבן מיט זייערע באַדערפענישן. דאָס גיט אין זיי אַריין אַ סיפוק החיים, בויעט אויף זייער זעלבסט-ווירדע און זעלבסט-זיכערקייט, און עס מאַכט זיי שפּירן ווי מענטשן צווישן מענטשן.

אַזוי אויך דערקענט זיך פון איבעראָל אין די דירה ווי אַזוי אַלעס איז אויסגעשטעלט ווי אַ פּריוואַטע היים, און עס פירט זיך טאַקע ווי אַ פּריוואַטע דירה, כדי די איינוואוינער זאָלן ווירקליך וואוינען ווי אינדערהיים, און זיי זאָלן אַנטייל נעמען אינעם טאָג טעגליכן לעבן, און געוועגליכע אַקטיוויטעטן מיט וואָס יעדע שטוב ווירבעלט.

נעמט אַ ביישפּיל די שלאָף צימערן. דאָרט וואו מיר האָבן באַזוכט זענען דאָ בעדרומס פון איין אַדער צוויי בעטן, געוואָנדן לויטן אויסוואַל פון די קליענטן און לויט וואָס עס איז דאָס בעסטע פאַר זייער תכלית. איעדער איינוואוינער האָט אַן אייגענע שאַפע וואו ער האַלט זיינע קליידונגען און אַנדערע פּריוואַטע חפצים, כדי יעדער זאָל זיך פירן אַ זעלבסטשטענדיג ווירטשאַפט, אַליין היטן און זיך אָפּגעבן מיט די פּריוואַטע זאַכן, און אַליין האָבן די זאַכן וואָס מען גלייכט. דאָס זעלבע באַקומען די איינוואוינער פון צייט צו צייט געלט זיך איינצוקויפן מלבושים וואָס זיי דאַרפן, וואָס זיי זעלבסט גייען אויסוועלן און קויפן, כדי צו זיין אַליין פאַראַנטוואָרטליך אויף זייערע באַדערפענישן און געברויכן.

די איינוואוינער האָבן אויך פאַרשידענע שפּילערייען, וואָס עס איז ממש אומגלויבליך ווי פריינטליך זיי שפּילן זיך אינאיינעם. דאָס העלפט אויסלערנען די איינוואוינער צו בויען פריינטשאַפטן און באַציאונגען מיט מענטשן. די איינוואוינער ווערן ווי איין משפחה, אינאיינעם מיט די מענעדזשער און אַנדערע איינגעשטעלטע וועלכע ווערן ווי באַהאָפטן צו די איינוואוינער. "זיי זענען געוואָרן אַ טייל פון די קאָמיוניטי. זיי זענען אויך געוואָרן אַ טייל פון מיין לעבן," זאָגט איינער פון די מענעדזשערס מיט אַ קענטליך געפיל.

*

די זעלבסטשטענדיקייט פון די איינוואוינער איז נישט בלויז באַגרעניצט צו די פיר ווענט פון זייער וואוינונג. עס באַגלייט זיי אויך אינדרויסן, און מען אַרבעט זיי אַריינצובריינגען צווישן אַלגעמיינע געזעלשאַפטן, זיי זאָלן קענען גיין איינקויפן און זיך דרייען אין אַנדערע עפנטליכע ערטער. אין העסק לייגט מען אַ דגוש אַז פונקט ווי די הויז אינדרויסן פּאַסט זיך אַריין און זעט נישט אויס אַנדערש ווי אַלע אַנדערע הייזער אין די געגנט, זאָלן די איינוואוינער זיך אויך שפּורן ווי אַ טייל פון די געגנט און זיי זאָלן זיך שפּירן באַקוועם צווישן די אַרומיגע שכנים. זיי זאָלן קענען נוצן די עפנטליכע געשעפטן און סערוויסעס, און זאָלן זיך שפּורן ווי אַ טייל פון די געזעלשאַפט.

די איינוואוינער ווערן שנעל באַקענט און היימיש מיט די געשעפטן פון וואָס זיי קענען געניסן. אין די לאָקאַלע גראָסעריס נעבן וואו עס שטייען די העסק דירות, איז מען שוין צוגעוואוינט צו די כמעט טעגליכע באַזוכן פון די העסק איינוואוינער. זיי האָבן טאַשן געלט מיט וואָס זיי קויפן זיך אַ טרינק, אַ נאַש אָדער עפּעס אַנדערש וואָס עס גליסט זיך זיי, און זיי ווערן אַ טייל פון די לאָקאַלע געזעלשאַפט.

דאָס זעלבע זענען אַ טייל פון זיי גאַנץ אָפטע באַזוכער אין די בענק. עס איז וואונדערבאַר צו צוקוקן ווי זיי פולן אַליין אויס די דעפּאַזיט סליפּס, מאַכן דעפּאַזיטס, נעמען אַרויס געלט, און געניסן פון אַנדערע בענקינג סערוויסעס. געוויסע איינוואוינער גייען אויך אַליין צו דאָקטאָר אַפּוינטמענטס, און זיי לערנען זיך אויך אויס אַליין צו נוצן פּובליק טראַנספּאָרטאַציע.

נישט בלויז די רעזידענט איינגעשטעלטע האַלטן מיט די וואוקס פון די איינוואוינער. אין העסק מאַכט מען אויך זיכער אַז די עלטערן זאָלן מיטהאַלטן יעדן טריט און אַנטוויקלונג פון זייערע קינדער. ווען מיר זענען געווען אויך באַזוך אין די דירה, האָבן מיר פערצופאַל געהערט אַ שמועס פונעם מענעדזשער און אַ קאָונסלער פון איינער פון די איינוואוינער, וועלכע האָבן גערעדט צי יענער האָט שוין גערופן די עלטערן באַריכטן וועגן זייער קינד'ס שטייגן און פּאָרשריט. דאָס זעלבע זענען די עלטערן און געשוויסטער אין שטענדיגע פאַרבינדונג מיט זייערע טייערסטע, סיי דורך טעלעפאָנישע געשפרעכן, ווי אויך דורך אָפטע באַזוכן אין די היימען, וואו זיי פרייען זיך צו זען ווי אַזוי די איינוואוינער פאַרברענגן אינאיינעם, ווי אַ נאָנטע משפחה.

עלטערן וועלכע זענען נישט מסיח דעת פון זייער טייערסטע, קוועלן פאַר פרייד מיטצוהאַלטן דעם פּאָרשריט וואָס די קינדער מאַכן, און צו הערן באַריכטן וועגן זייער אַקטיוויטעטן פון וואָס זיי שעפּן פאַרגעניגען. זיי זענען גליקליך אַז זייערע קינדער געפינען זיך אין אַ געזעלשאַפט וואו זיי שפּירן זיך גלייך מיט יעדן, און זיי ווערן באַהאַנדעלט דורך ערפאַרענע, געטרייע מענטשן, וועלכע לייגן אַריין קאָפּ און מח ווי אַזוי זיי צו מאַכן מער זעלבסט-שטענדיג, זיי זאָלן קענען דערגרייכן מער און אויסנוצן די מאַקסימום כוחות וואָס זיי פאַרמאָגן.

איינער פון די עלטערן זאָגט מיט טרערן: "ווען איך טראַכט צוריק מיט ניין יאָר צוריק, עס איז געווען שווער, און מיר האָבן עס געמוזט טאָן (אַריינשיקן דאָס קינד אין אַ העסק היים). אָבער היינט פרייען מיר זיך אַז מיר האָבן געמאַכט דעם ריכטיגן באַשלוס. נישט בלויז די פיזישע וואוינונג. נאָר די האַרץ און די איבערגעגעבנקייט פון די העסק איינגעשטעלטע. דאָס האָט אויפגעבויט אונזער קינד. מיר האָבן זיך דאָס נישט געקענט פאָרשטעלן."